# טרוים קאַץ האַנדלער

## וואַלפֿיש

[פֿאַר דיר, שמחהשי, מײַן פֿלינקן שווימער — ]

דער לעצטער וואַלפֿיש אויף דער וועלט
הויקערט טויזנטער יאָרטויזנט
אין וואַסערדיקער קעלט,
שווימט יאָמערדיקערהייט
אַליין, אָן קינד-און-קייט,
אָן סימן פֿון אַ סטאַדע,
קראַכנדיק אַ טרויעריקע סערענאַדע,
אָן עלנט-און-וויי ים-באַלאַדע,
אַ קלאָג-ליד וואָס שרײַט אַרויס
פֿון דער לופֿט ביזן דנאָ
אַז קיין אַנדער וואַלפֿיש
איז מער ניטאָ.

דער וואַרעם-בלוטיקער בעל-חי
וואַרפֿט זיך מעשוגענערווײַז
מיט בענקשאַפֿט-מוט אין מים-חיים,
אַרויף און אַראָפּ
מיט קאָלאָסאַלן שטויסטראָט–
טראַסקעט פֿון די נעזלעכער
פֿאָנטאַנען שפּײַעכץ אַרויס,
פֿון זוניקן שוים
ביזן טיפֿסטן רוים
און זוכט זײַן האָפֿענונגסלאָזן טרוים.

ווי איז דאָס אַלץ
צושטאַנד געקומען?
פֿאַרפֿאָלגט און נאָכגייאָגט,
האָט מען זײַנע טײַערע צוגענומען.
געבליבן איז ער אַ לוויתן אָן אַ קו,
אַ וואַלפֿיש-ייִד אָן רו.